# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת שמות שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל**<br>chizikyomi@gmail.com | **טעלעפאון מעסידזשינג**<br>347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## א מעלה אדער א חסרון?

קיג) דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט א אינגערמאן וואס האט זיך אריינגעצויגן אין א נייעם דירה, צי ער איז צופרידן פון זיין נייעם דירה, האט דער אינגערמאן געזאגט, דער דירה האט איין חסרון, וויבאלד די דירה איז טיילווייז אונטערערדיש איז דא דארט שוואכע סעלפאון סערוויס. האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צו דעם אינגערמאן: "דאס איז די גרעסטע מעלה פון די דירה, אז עס איז נישט דא קיין סערוויס דארט פאר דיין סעלפאון, וועסטו דאך נישט זיין פארנומען מיט דעם, אנשטאט זיך שפילן מיט'ן טעלעפאון וועסטו שמועסן מיט דיין ווייב"...

## תפילין

קיד) דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל פארגעלערנט פאר די בחורים די גמרא, ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ל:): אביי איז געזעסן פאר רבה, און רבה האט געזען אז אביי איז זייער פריילך, האט אים רבה געפרעגט, עס שטייט דאך (תהלים ב, יא): "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"? האט אים אביי געענטפערט: אֲנָא, תְּפִלִּין מַנַּחְנָא, "איך האב אנגעטון תפילין"!

די זעלבע מעשה איז געווען ביי רבי ירמיה, ער איז געזעסן פאר רבי זירא, און רבי זירא האט געזען אז רבי ירמיה איז זייער פריילך, האט אים רבי זירא געפרעגט, עס שטייט דאך (משלי יד, כג): "בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר"? האט אים רבי ירמיה געענטפערט: "איך האב אן תפילין"!

און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון לייגן תפילין, וואו מען זעט פון די גמרא וואו ווייט א מענטש דארף זיך מחיה זיין מיט דעם וואס ער טוט אן תפילין יעדן טאג; דער יצר הרע קען דאס אבער נישט נעמען, ער קען נישט זען ווי א איד בינדט זיך צו צום אייבערשטן יעדן טאג, וואס טוט ער? ער ווארפט אראפ דעם מענטש און

ער מאכט אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת - זה בכה וזה בכה, צו יעדן איינעם קומט ער מיט אן אנדערע שלייער, ער צעברעכט דעם מענטש, ער ברענגט אריין אין אים שלעכטע מחשבות, אז דער מענטש טראכט: 'ווער דארף מיין תפילין, ווער דארף מיין דאווענען, איך בין דאך אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, איך האב דאך אזוי סאך געזינדיגט וכו' וכו'", אבער דאס איז נישט אמת, ווייל דער אייבערשטער ווארט אז דער מענטש זאל קומען יעדן טאג אין שול.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: "מיט תפילין שעמט מען זיך נישט, מיט תפילין באהאלט מען זיך נישט. אז מען איז אויפגעשטאנען שפעט, באהאלט מען זיך נישט מיט די תפילין ערגעץ וואו אין א פארשלאסענעם צימער וכדומה, נאר מען גייט אין בית המדרש לייגן תפילין, האט א בחור געפרעגט: "אויב איך וועל לייגן תפילין אפענערהייט אין א שול נאכמיטאג נאך חצות קען דאס שאטן פאר א שידוך, מענטשן וועלן דאס אראפקוקן און טראכטן שלעכט: 'קוק, ער שטייט אויף שפעט'; האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "תפילין שאדט נישט פאר א שידוך, ווען א בחור דרייט זיך ארום מיט א גרויסער טעלעפאון - אפילו עס איז געפילטערט, אבער קיינער ווייסט נישט אז דאס איז געפילטערט - דאס קען שאטן פאר א שידוך, תפילין שאדט נישט".

## טערעפי

קטו) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט איבער טערעפי: "טערעפי איז אזוי ביטער, עס איז אזא משחית, עס איז אפילו ערגער פון טעכנאלאגיע, עס נעמט אוועק פון די תורה נאך מער ווי טעכנאלאגיע, ווייל ביי טערעפי איז מען אינגאנצן ביים גוי, עס איז נישטא קיין תורה, קיין רב, קיין דעת תורה, עס איז נאר דא וואס דער גוי זאגט".

## א נייע מח דורך עצתו אמונה

קטז) א תלמיד האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביים שיעור ליל שישי פרשת ויחי אז עס שפילט זיךליידער אפ פארנט פון אונזערע אויגן א שואה רוחניות, וואס איז די עצה דאס אפצוהאלטן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עצתו אמונה, יעדער איינער וואס ליינט די עצתו אמונה וואך נאך וואך, דער באקומט א נייעם מח, זיין מח טוישט זיך אינגאנצן".

"סיי ווער, מען מוז אפילו נישט זיין א ברסלב'ער חסיד, דער וואס לערנט די עצתו אמונה וואך נאך וואך - באקומט א נייע מח".

## א דאנק אויף וואס?

קיז) דער ראש ישיבה האט דערציילט א מעשה פון רבי יוסף חיים זאננענפעלד זי"ע, איינמאל איז ער געגאנגען אין גאס און אן אראבער האט געווארפן א באנאנא שאלאכטס אין זיין ריכטונג, האט ער אים באדאנקט אויף אראביש, האט דער אראבער געפרעגט, א דאנק אויף וואס? האט ער אים געענטפערט, א דאנק דו האסט מיר נישט באווארפן מיט שטיינער נאר מיט באנאנא שאלאכטס.

## תכלית

קיח) ווען מען האט געפרעגט וועלכע סארט פלאר מען זאל לייגן אין זיין נייע דירה אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: איך ווייס נישט. גלייב מיר אז מיר גייט גארנישט אן איבער מיין דירה, איך וויל מער עס זאל שוין זיין א בנין פאר די תלמוד תורה און מיידל שולע ווי מיין דירה, אין ברסלב זינגט מען דאך "אט גייט מען זוכן א דירה, און פירט מען שוין צו די קבורה"...

און דאס חזר'ט דער ראש ישיבה שליט"א שטענדיג מיט די תלמידים,

מען זאל נישט אריינלייגן קאפ און מח אין נארישקייטן, אזא סארט פענסטער צי אזא סארט פענסטער, אזוינע טירן צי אזוינע טירן וכו' וכו', מען בויעט א הויז צו האבן יישוב הדעת, אבער די קאפ זאל בלייבן ביים אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אמאל אויסגעדריקט זייענדיג אין שטעטל - קרית ברסלב ליבערטי: "ווען איך רעד פון נישט טראכטן פון געלט, מיינט נישט אז איך וויל נישט איר זאלט האבן געלט, איך וויל איר אלע זאלט האבן פרנסה בריוח, אלע זאלן זיין גרויסע עשירים, אבער די קאפ, די קאפ זאל נישט ליגן אין געלט, די קאפ זאל ליגן ביים אייבערשטן.

## הפצה

קיט) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "לגבי הפצה קומט נישט אריין אין בילד אין וואס פאר א דרגה דער מענטש האלט ברוחניות, אדער בכלל וואס זיינע מעשים זענען, הפצה האט נישט קיין קשר מיט דעם מענטש וואס איז מפיץ, יעדער מענטש דארף טון זיין השתדלות אין הפצה".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס צוגעגליכן צו ווען עס ברענט א פייער, איז נישט קיין נפקא מינה ווער עס איז דער לעשער, יעדער וואס קען, דארף כאפן אן אמפער וואסער און העלפן לעשן דעם פייער; די זעלבע איז בנוגע הפצה, עס ברענט א פייער פונעם יצר הרע, יעדן טאג ווערן נעבעך מענטשן פארברענט, דארף יעדער וואס קען, נעמען ספרים און קונטריסים וואס ברענט צוריק מענטשן צום אייבערשטן, און דאס פארשפרייטן.